**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/1/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול פארברייטערט שנעלע עלעקטרישע קאר טשארדזשינג אין אלבאני'ס שטאט-צענטער

***נייע שנעלע טשארדזשערס פארברייטערן סטעיט-ברייטע נעטווארק אריין אין ניו יארק סטעיט'ס הויפטשטאט, צולייגנדיג באקוועמליכקייט פאר רעגלמעסיגע דרייווערס, איינוואוינער פון אפארטמענט געביידעס, טאקסי און קאר סערוויס דרייווערס, פארזאמלונג באטייליגטע און רייזנדע***

***לעצטע אינסטאלירטע טשארדזשערס מוטיגן מענטשן צו אריבערגיין צו EV'ס און שטיצט סטעיט'ס קלימאט געזעץ ציהל צו רעדוצירן קארבאן עמיסיעס מיט 85 פראצענט ביז 2050***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די אינסטאלאציע פון די ערשטע שנעלע טשארדזשערס פאר עלעקטרישע קארן (electric vehicle, EV) אין שטאט-צענטער אלבאני. די טשארדזשינג צענטער אין די Quackenbush פובליק פארקינג גאראזש ברייטערט אויס די ניו יארק פאווער אויטאריטעט'ס EVolve NY שנעלע טשארדזשינג נעטווארק אריין אין ניו יארק סטעיט'ס הויפטשטאט, און עס לייגט צו א מיטל פאר EV אייגנטימער. די שותפות מיט די אלבאני פארקינג אויטאריטעט ברענגט פיר טשארדזשערס צו פארבעסערן די שטאט'ס אינפראסטרוקטור צו קענען שטיצן מער קארבאן-פרייע טראנספארטאציע און העלפן די סטעיט צו אנקומען צו אירע לאנד'ס-פירנדע קלימאט ציהלן.

"ניו יארק סטעיט לייגט צו באקוועמע און שנעלע טשארדזשינג אין אירע שטעט און לענגאויס שטעטלישע הייוועיס כדי זיך צו באמת צוגרייטן פאר א טראנספארטאציע צוקונפט וואו עלעקטרישע קאר זענען די נארמע", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ברענגען שנעלע טשארדזשערס צו די צענטער פון אונזער הויפטשטאט טרייבט אויף א שוואונג פאר שטאטישע פלאנירער, און עס מאכט דאס גרינגער פאר מענטשן וואס וואוינען אין א שטאט צו געניסן פון עמיסיע-פרייע רייזעס. שנעלע און באקוועמע טשארדזשינג וועט מאכן אונזערע שטעט מער צוגענגליך און ענווייראמענט-פריינטליך."

דאס אינוועסטירן אין די שטאט-צענטערישע אינפראסטרוקטור שטיצט די סטעיט'ס אריבערגאנג צו עמיסיע-פרייע קארן ביז 2035 און עס שטופט פאראויס ניו יארק'ס קלימאט געזעץ וואס שטעלט אוועק אמביציעזע ציהלן צו פארקלענערן קלימאט-שעדיגנדע גאז עמיסיעס פון די טראנספארטאציע סעקטאר.

די נייע EVolve NY צענטער אין אלבאני איז טייל פון ניו יארק סטעיט'ס אונטערנעמונג צו עלימינירן אזוי-גערופענע "שנעלע טשארדזשינג מדבריות" און צו מוטיגן דאס אויפבויען פובליק טשארדזשינג אינפראסטרוקטור וואס איז דא פאר אלע ניו יארקער און באזיכער פון אינדרויסן פון די סטעיט. די ניו יארק פאווער אויטאריטעט (New York Power Authority, NYPA) האלט אויף די גרעסטע עפנטליכע שנעלע טשארדזשינג נעטווארק אין ניו יארק סטעיט מיט מער פון 150 טשארדזשינג פּארטס ביי 38 לאקאציעס לענגאויס הויפט שאסייען איבערן סטעיט, העלפנדיג זיכער מאכן אז EV דרייווערס אין ניו יארק דארפן זיך נישט זארגן אז זיי וועלן אויסלויפן פון באטעריע.

די Quackenbush פארקינג גאראזש אויף 25 Orange St. וואס איז אין די אייגנטום פון די שטאט רעגירונג איז אויסדערוועהלט געווארן אלס אן EVolve NY לאקאציע צוליב די נאענטקייט פון די פלאץ צו די ניו יארק טרו-וועי און צוליבן זיין אין א שטאטישע געגנט — אפפערנדיג נאענטע באקוועמליכקייטן פאר דרייווערס און באקוועמליכקייט פאר אפארטמענט איינוואוינער, האטעל געסט און אנדערע איינוואוינער וועלכע האבן מעגליך נישט קיין אייגענע טשארדזשינג מעגליכקייטן. National Grid, די לאקאלע יוטיליטי פירמע, האט געקענט צולייגן די טשארדזשינג קאפאציטעט.

די גאראזש האט 879 פארקינג פלעצער, אריינרעכענענדיג 13 EV טשארדזשינג פארקינג פלעצער אין סך הכל, און עס איז גרינג צוגענגליך פון די Quackenbush Square און פון פילע פון די שטאט'ס הויפט שאפינג צענטערן, רעסטוראנטן און היסטארישע ערטער. אין צוגאב צו די 4 נייע שנעלע טשארדזשינג פארקינג פלעצער זענען ניין פון די טשארדזשערס פון די 'לעוועל 2' סארט, אויפגעהאלטן דורך די אלבאני פארקינג אויטאריטעט, און זיי געפונען זיך אויף די גאראזש'ס צווייטע שטאק. דרייווערס זענען פארלאנגט צו באצאלן פאר איינגאנג צו די פארקינג גאראזש.

שנעלע טשארדזשינג וואקסט אינערהאלב שטעט אזוי ווי פילע EV דרייווערס האבן נישט זייערע אייגענע פארקינג פלעצער און פלעצער צו טשארדזשען. טשארדזשערס ווערן אפט פלאצירט לענגאויס הייזעריס, און עס ווערט אנגעקוקט ווי א מיטל וואס איז דארט צו העלפן מענטשן וואס דרייווען אריבער לענגערע שטרעקעס. זיי קענען אבער אויך דינען אלס אן אלטערנאטיווע אפציע צו שטייטערע 'לעוועל 2' טשארדזשינג אדער פאר דרייווערס וועלכע האבן נישט קיין פארלעסליכע צוטריט צו טשארדזשינג.

EVolve NY'ס 'דיירעקט קאַרענט' שנעלע טשארדזשערס קענען טשארדזשען די מערהייט פון די באטעריע פון סיי וועלכע סארט אדער מאדעל EV אין אזוי ווייניג ווי 20 מינוט. די Quackenbush צענטער וואס איז א חלק פון די Electrify America נעטווארק איז אויסגעשטאט מיט איין טשארדזשער פון די סארט וואס רופט זיך 'קאמביינד טשארדזשינג סיסטעם' (combined charging system, CCS) — א סארט וואס קען טשארדזשען מיט א שנעלקייט פון ביז 350 kW, און נאך דריי טשארדזשערס מיט א שנעלקייט פון ביז 150 kW. צוויי פון זיי האבן די CHAdeMO שאלטער, און עס איז אויך דא אן 'אדעפּטער' פון CCS צו טעסלא וואס NYPA האט אינסטאלירט פאר טעסלא אייגנטימער. די ספעציפישע צענטער איז איינס פון די מערערע EVolve NY פלעצער וואס האבן אריינגעלייגט אן אריינגעבויטע 'אדעפּטער'. זעהט וויאזוי צו נוצן די נייע אדעפּטער [דא](#).

די היינטיגע אנאנס בויט ארויס די עקזיסטירנדע EV טשארדזשינג אינפראסטרוקטור וואס איז שוין יעצט דא אין אלבאני. צוויי יאר צוריק האט די אלבאני פארקינג אויטאריטעט זיך אנגעשלאסן מיט די פאווער אויטאריטעט און מיט די סיטי אָוו אלבאני בעאמטע צו אויפדעקן 11 נייע 'לעוועל 2' טשארדזשינג סטאנציעס אין אלע דריי אלבאני פארקינג אויטאריטעט גאראזשן אין די שטאט-צענטער — די Riverfront, די Green-Hudson און די Quackenbush גאראזשן. לעצטע יאר האט די אלבאני פארקינג אויטאריטעט אינסטאלירט נייע פארקינג מיטערס אריבער די שטאט וועלכע לויפן טיילווייז אויף סאלאר ענערגיע. די אלבאניאויטאריטעט האט אויך אינוועסטירט אין ענערגיע-שפארזאמע LED באלייכטונג אין זייערע פארקינג גאראזשן, און זיי וועלן דורכפירן נאך טוישונגען צו באלאנסירן די הויפטשטאט'ס קארבאן באנוץ.

**ניו יארק פאווער אויטאריטעט פרעזידענט און CEO, דזשאַסטין ע. דריסקאל, האט געזאגט,** "די פאווער אויטאריטעט בויט אויף א באקוועמע שנעלע טשארדזשינג נעטווארק וואס איז גרינג צו נוצן אין אלע ווינקלען פון די סטעיט כדי דאס צו מאכן גרינגער און גרינגער פאר ניו יארקער און פאר רייזנדע צו אנקומען וואו אימער זיי גייען פארנדיג אין אן EV. שנעלע פובליק טשארדזשינג אינפראסטרוקטור אין די פלעצער וואו מיר באזוכן, פארברענגען און ארבעטן מאכן דאס די זעלבע באקוועם צו דרייווען אן EV ווי א

גאז-געטריבענע קאר. צענטערן אין גרעסערע שטעט ווי אלבאני דינען די וועלכע האבן באגרעניצטע טשארדזשינג אינדערהיים, זיי לייגן צו אפציעס פאר EV דרייווערס וואס באזוכן די שטאט און זיי שטופן מער ניו יארקער צו דרייוון אן EV."

**סטעיט סענאטאר ניעל ד. ברעסלין האט געזאגט,** "עלעקטרישע קארן וועלן שפילן א צענטראלע ראלע אין אונזער אריבערגאנג צו א גרינע עקאנאמיע, און די היינטיגע אינסטאלאציע פון די ערשטע שנעלע טשארדזשערס אין אלבאני'ס שטאט-צענטער ברענגען אונז איין טריט נאענטער צו דערגרייכן א פולשטענדיג-עלעקטרישע טראנספארטאציע סעקטאר. איך אפלאדיר די ניו יארק פאווער אויטאריטעט פאר אירע פארגעשריטענע אינוועסטירונגען אין גרינע אינפראסטרוקטור אין די הויפטשטאט ראיאן און אריבער ניו יארק."

**אסעמבלי מיטגליד דזשאן ט. מעקדאנעלד דער דריטער האט געזאגט,** "אינוועסטירונגען אין אונזער עלעקטרישע קאר טשארדזשינג אינפראסטרוקטור זענען קריטיש צו נאכקומען אונזערע ריינע-ענערגיע ציהלן. אזוי ווי די אינטערעסע אין עלעקטרישע קארן זעצט פאר צו וואקסן, איז דאס וויכטיג צו באווייזן מענטשן וואס צווייפלען זיך אדער וואס זענען אנגעצויגן דורכן אוועקשטעלן גענוג EV סופליי מיטלען אין פלאץ — גענוי דאס וואס איז די כוונה פון די פראגראמען וואס מיר שטיצן. א דאנק פאר די סיטי אָוו אלבאני און פאר די ניו יארק פאווער אויטאריטעט פארן פארזעצן צו גיבן פריאריטעט פאר פראיעקטן פון דעם סארט."

**אסעמבלי מיטגלידערין פעטרישע פעיהי האט געזאגט,** "באראויגן אנגעצויגנקייט איבער ווי ווייט מען קען פארן [מיט אן עלעקטרישע קאר] איז איינס פון די מערסטע עפעקטיווע וועגן וויאזוי מיר קענען מוטיגן מענטשן צו ווערן עלעקטרישע קארן אייגנטימער און צו פארשנעלערן די אריבערגאנג פון אונזער טראנספארטאציע סעקטאר צו עלעקטריציטעט. אויב מיר ווילן נאכקומען ניו יארק'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט אויפפאדערונגען, דאן איז דאס גאר וויכטיג צו אריבערפירן די טראנספארטאציע סעקטאר – די סעקטאר וואס איז פאראנטווארטליך פאר כמעט א דריטל פון אונזערע קארבאן עמיסיעס – צו עלעקטריציטעט, און דאס רעכנט אריין דאס פארגרעסערן די צאל פון פערזענליכע עלעקטרישע קארן אויף אונזערע שאסייען. איך לויב אויס די אלבאני פארקינג אויטאריטעט און NYPA פארן ארבעטן בשותפות צו זיכער מאכן אז אלבאני איינוואוינער און באזיכער צוגלייך האבן צוטריט צו א נייע EVolve NY צענטער און צו די לעצטע EV-טשארדזשינג טעכנאלאגיע."

**אלבאני קאונטי עקזעקיוטיוו דעניעל פּ. מעקקאָי האט געזאגט,** "אלבאני קאונטי ארבעט שווער צו זיין די גרינסטע קאונטי אינעם לאנד, און איין וועג דאס צו טוהן איז דורכן רעדוצירן אונזער באנוץ מיט קארבאן מיט עלעקטרישע קארן. דאס קען נישט געשעהן אויב מיר האבן נישט מער שנעלע טשארדזשינג סטאנציעס פאר דרייווערס, און די EVolve NY צענטערן מאכן דאס געשעהן. א דאנק פאר גאווערנער האקול און NYPA פארן אונז רוקן איין טריט נאענטער צו דערגרייכן אונזער ציהל."

**אלבאני מעיאר קעטי שיהען האט געזאגט,** "די צוגאב פון נאך עלעקטרישע קאר טשארדזשערס – באזונדערס די ערשטע שנעלע טשארדזשערס אין אלבאני'ס שטאט-צענטער – בויט ארויף אויף די שוואונג וואס מיר האבן אין די סיטי אָוו אלבאני גייענדיג אין ריכטונג פון א מער ענווייראמענט-פריינטליכע צוקונפט. איך בין באגייסטערט צו אויסברייטערן צוטריט און צו מוטיגן מער מענטשן צו אויסוועהלן עלעקטריציטעט, וויסנדיג אז זיי וועלן האבן די מעגליכקייט צו טשארדזשען גרינגערהייט. א דאנק פאר גאווערנער האקול, פאר די אלבאני פארקינג אויטאריטעט און פאר די ניו יארק פּאווער אויטאריטעט פאר זייער אנגייענדע צוזאמענארבעט ביים פארווירקליכן די דערגרייכונג."

**עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון די אלבאני פארקינג אויטאריטעט, מעטיו פּיטער האט געזאגט,** "די אלבאני פארקינג אויטאריטעט איז באגייסטערט ביז גאר זיך צו אנשליסן ביים אנאנסירן די פארענדיגטע

אינסטאלאציע פון די ערשטע DC שנעלע EV טשארדזשערס אין שטאט-צענטער אלבאני, פלאצירטער אין די Quackenbush גאראזש. אזוי ווי מער און מער עלעקטרישע און 'הייבריד' קארן לאזן זיך ארויס אויף די שאסייען, זעצט די נויט פאר שנעלע און ווירקזאמע פלעצער צו טשארדזשען פאר צו שטייגן, און די פארקינג אויטאריטעט איז פארפליכטעט צו העלפן נאכקומען די וואקסנדע פארלאנג. שטייענדיג בלויז עטליכע וואכן נאך וואס זיי האבן אנגעהויבן ארבעטן, האבן די פיר נייע טשארדזשינג סטאנציעס באקומען אן איבערוויגנדע פאזיטיווע אויפנאמע סיי דורך אונזער לאקאלע קאמיוניטי און סיי דורך דרייווערס וועלכע באזוכן די סיטי אָוו אלבאני פון אינדרויסן פון שטאט. א דאנק פאר די ניו יארק פאווער אויטאריטעט און פאר די סיטי אָוו אלבאני פאר אייער שותפות ביים ארבעטן אין ריכטונג פון א מער ענווייראמענט-פריינטליכע צוקונפט."

**Electrify America פרעזידענט און CEO, ראבערט באראָוסע, האט געזאגט**, "Electrify America און די ניו יארק פאווער אויטאריטעט'ס אנגייענדע צוזאמענארבעט מאכט שנעלע און באקוועמע עלעקטרישע קאר טשארדזשינג אינפראסטרוקטור פאר א מציאות אין ניו יארק. אין אונזער מיטגעטיילטע מיסיע צו אריבערפירן טראנספארטאציע צו עלעקטריציטעט, איז דאס א פארגעניגן פאר Electrify America צו שטיצן NYPA ביים נאכקומען די פארגרעסערטע פארלאנג פאר טשארדזשינג לייזונגען אין אלבאני און אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט."

**PlugIn Online פרעזידענט דזשאן דארען האט געזאגט**, "PlugIn Stations Online איז שטאלץ צו האבן ערמעגליכט די אינסטאלאציע און אנהויב פון באנוץ פון די טשארדזשינג לאקאציע ביי אלבאני'ס Quackenbush פארקינג גאראזש. די לאקאציע וואס געפונט זיך אין די הארץ פון אלבאני, ניו יארק'ס שטאט-צענטער פילט אן א וויכטיגע לאך אין די טשארדזשינג נעטווארק דא אין די אפסטעיט ראיאן. די PISO מאנשאפט זעצט פאר צו שטיצן סיי די ניו יארק פאווער אויטאריטעט און סיי Electrify America מיט זייערע באמיאונגען צו ברענגען שנעלע און פארלעסליכע טשארדזשינג סיי צו די סטעיט און סיי צום גאנצן לאנד."

**ראיאנישער פארשטייער פון National Grid, ברייען סענאָו, האט געזאגט**, "דאס אריבערגיין צו עלעקטרישע קארן פארלאנגט די שטיצע און פירערשאפט פון ארגאניזאציעס ווי די ניו יארק פאווער אויטאריטעט און פאראויס-טראכטענדע פירערער ווי אלבאני מעיאר קעטי שיהען כדי צו מאכן מער טשארדזשינג אפציעס צו נוצן ביי מער לאקאציעס. National Grid איז באגייסטערט צו זיין טייל פון אזעלכע פראיעקטן, וואו מיר קענען צושטעלן באדייטנדע פינאנצירונג צו פארמערן די צוגעשטעלטע טשארדזשערס און זיך פאראויס רוקן מיט פארמערטע באמיאונגען צו אריבערגיין צו עלעקטריציטעט אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט."

**ניו יארק'ס EV טשארדזשינג אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג**
ניו יארק אינוועסטירט מער פון 1 ביליאן דאלאר אין עמיסיע-פרייע קארן און טראָקס (zero emissions vehicle, ZEV) איבער די קומענדיגע פינף יאר און זי נעמט אן ריינע קארן און ריינע טראָקס רעגולאציעס וואס פארלאנגען אז 100 פראצענט פון פאסאנזשיר קארן און לייכטע טראָקס וואס ווערן פארקויפט זאלן זיין ZEV'ס ביז 2035. אקטיווע אינציאטיוון פאר קארן און לייכטע טראָקס רעכענען אריין צוריקצאלונגען פארן קויפן עמיסיע-פרייע קארן דורך די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט'ס (New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) 'דרייווט ריין צוריקצאלונג פראגראם' (Drive Clean Rebate Program), גרענטס פאר עמיסיע-פרייע קארן און טשארדזשינג אינפראסטרוקטור דורך די DEC'ס 'קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס לאקאלע רעגירונגען גרענט פראגראם' (Climate Smart Communities Municipal Grant Program) און אזוי אויך די "EV Make Ready" (עלעקטראנישע קארן - מאכט גרייט) אינציאטיוו, NYPA'ס EVolve NY טשארדזשינג אינפראסטרוקטור פראגראם, NYSERDA'ס טשארדזש גרייט (Charge Ready 2.0) פאר 'לעוועל 2' טשארדזשינג אינפראסטרוקטור און די טראנספארטאציע דעפארטמענט'ס

נאציאנאלע עלעקטראנישע קאר אינפראסטרוקטור ( National Electric Vehicle Infrastructure, NEVI) טשארדזשינג אינפראסטרוקטור פראגראם צו העלפן פארברייטערן באנוץ מיט עלעקטרישע קארן.

ניו יארק סטעיט האלט אויף כמעט 1,300 פובליק שנעלע טשארדזשערס ביי מער פון 300 לאקאציעס, לויט די פאראייניגטע שטאטן ענערגיע דעפארטמענט'ס אלטערנאטיווע ברענשטאף ציפערן צענטער (Alternative Fuels Data Center), כאטש די שנעלקייטן קענען זיין פון kW25 ביז 350 kW וואס קומט אויס אנדערע דויערונגען ווי לאנג עס נעמט צו טשארדזשן. כמעט 800 זענען טשארדזשערס נאר פאר טעסלא קארן.

EV אייגנטימער קענען טרעפן פובליק טשארדזשערס נוצנדיג סמארטפאָון עפס ווי Shell Recharge, Electrify America, PlugShare, ChargeHub, ChargeWay, EV Connect, ChargePoint, EVGo, Google Maps אדער די פאראייניגטע שטאטן ענערגיע דאפארטמענט'ס אלטערנאטיווע ברענשטאף ציפערן צענטער. פאר א מאפע ווייזנדיג EVolve NY טשארדזשערס, דרוקט דא. מערקט אן אז EVolve טשארדזשערס ארבעטן אויף די Electrify America און Shell Recharge נעטווארקס. קרעדיט קארדס ווערן אנגענומען צו טשארדזשן; עס פעהלט נישט אויס א סאָבסקריפשען אדער מעמבערשיפ.

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט פלאן**
ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום ווייניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. אנגעפירט ביי טייל פונעם לאנד'ס מערסט אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע איניציאטיוון, איז ניו יארק אויף דעם ריכטיגע וועג צו עררייכן איר ציל צו האבן אן עלעקטרישע סעקטאר פריי פון עמיסיעס ביז 2040, אריינרעכענענדיג אנצוקומען צו 70 פראצענט פון באנייעוודיגע ענערגיע אויפטרייבונג ביז 2030, און צו אנקומען צו א קאַרבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון דעם יאר-הונדערט. א צענטראלע טייל פון די איבערגאנג איז ניו יארק'ס פרעצענדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג איבער $55 ביליאן אין 145 גרויסארטיגע באנייבארע און טראנסמיסיע פראיעקטן איבער'ן סטעיט, $6.8 ביליאן צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, $3.3 ביליאן צו פארגרעסערן די מאס פון זון-ענערגיע, מער פון $1 ביליאן פאר ריינע טראנספארטאציע איניציאטיוון, און איבער $2 ביליאן אין ניו יארקע גרינע באנק פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 165,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2021 און א 3,000 פראצענטיגע וואוקס אין די אינדוסטריע פון פריוואטע סאלאר באנוץ זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן גייען ווייטער אן צו שטופן פאראויס ניו יארק'ס קלימאט אקציע, מיט כמעט 400 רעגיסטרירטע און מער פון 100 סערטיפייד קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג איניציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו צילן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן